


# דער NY HERO אקט

## אינפארמאציע און אפט געפרעגטע פראגעס

אין מאי 5, 2021, האט מען אונטערגעשריבן דאס געזעץ פון דער ניו יארק געזונט און לעבנס-נייטיגע רעכטן אקט (NY HERO Act). דאס געזעץ באפעלט ברייטע נייע ארבעטספלאץ געזונט און זיכער אפהיטונגען אין ענטפער צו דער קאוויד-19 עפידעמיע. דער ציל פון דעם NY HERO אקט איז אפצוהיטן די ארבעטער קעגן אויסגעשטעלטקייט און קראנקהייט בשעת א לופט-געשוועבטע אינפעקציע אויסבראך.

לויטן נייעם געזעץ, האט דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר (NYS DOL) צוזאמען מיט דער NYS דעפארטמענט אוו העלט, אנטוויקלט א נייעם סטאנדארד, א מאדל פלאן אדער אן אלגעמיינעם אינדוסטריע מוסטער, און 11 אינדוסטריע-ספעציפישע מאדל פלענער צו פארמיידן א לופט-געשוועבטע אינפעקציע אויסבראך קראנקהייט. ארבעטגעבער קענען אויסקלייבן אנצונעמען די אנווענדלעכע פאליסי מוסטער/ פלאן צוגעשטעלט ביי NYS DOL אדער באשטעטיגן אן אלטערנאטיווע פלאן וואס שטימט מיט אדער שטייגט אריבער די סטאנדארדס מינימום פאדערונגען.

דער פלאן מוז גילטן ווען א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט ווערט דעזיגנירט ביי דער ניו יארק סטעיט קאמיסיאנער אוו העלט אלץ א שטארק אנשטעקיגע קראנקהייט וואס פרעזענטירט אן ערנסטע שעדלעכע ריזיקע פארן געזונט פונעם ציבור. דער סטאנדארד קען ווערן צוגעלייגט צו אדער מער פאדערונגען קענען אונטערקומען פון אן ערקלערונג פון א נויטפאלע-מצב צוליב א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט, ווי אויך אנדערע אנגענומענע פעדעראלע סטאנדארדן.

*דער סטאנדארד איז צום באקומען אין ענגליש און שפאניש.*

## צייטפלאן

- **מאי 5, 2021** -NY HERO אקט אונטערגעשריבן און געווארן געזעץ.
- **יולי 6, 2021** - DOL פובליקירט מאדעל סטאנדארדן.
- **אוגוסט 5, 2021** (30 טעג נאכדעם וואס דער NYS DOL אנטוויקלט און איז מפרסם די מאדעל סטאנדארדן) - טערמין פאר ניו יארק ארבעטגעבער צו אדאפטירן א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פלאן. ארבעטגעבער מוזן אויך צושטעלן דעם פלאן שריפטלעך פאר אלע ארבעטער אין ענגליש און אין די הויפט שפראך פון די ארבעטער ביז 30 טעג פון אדאפטירן דעם פלאן, ביז 15 טעג פון צוריק עפענען צוליב א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט, און פאר אלע נייע איינגעשטעלטע ווען זיי ווערן געדינגען.
- **סעפטעמבער 4, 2021** - ארבעטגעבערס לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט פלאן מוז ווערן אויסגעטיילט פאר די ארבעטער.
- **נאוועמבער 1, 2021** - אלע ארבעטגעבער מיט 10 אדער מער ארבעטער מוזן ערלויבן די ארבעטער צו באשטימען און אנפירן א בשותפותדיגע ארבעט-פארוואלטונג ארבעטפלאץ שיץ-קאמיסיע.

*באמערקונג: איינצלהייטן קענען ווערן מאדיפיצירט. ביטע פארזוכט זיך אויף* ***dol.ny.gov/ny-hero-act*** *פאר אמענדירונגען און נאך אינפארמאציע.*

## אפט געפרעגטע פראגעס

### וועלכע געשעפטן זענען באווארנט ביי דער NY HERO אקט?

דאס געזעץ דעקט אלע נישט קיין רעגירונג אינדוסטריעס איבער ניו יארק און ארבעטפלעצער, מיטן אויסנאם פון סיי וועלכע ארבעטער אדער ארבעטגעבער וואס האט דעקונג פון א ציטווייליגע אדער שטענדיגע OSHA סטאנדארד אויף קאוויד-19 אדער לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייטן, אין אלגעמיין. ביז יעצט, זענען נאר העלט קעיר געדעקט ביי אזא OSHA סטאנדארד ווי אויך ארבעטגעבער-צוגעשטעלטע הייזער און טראנספארטאציע. עס באווארנט אויך ספעציעלע קאטעגאריעס פון ארבעטער אין "נישט-טראדיציאנעלע" ארבעטפלעצער, ווי אויך פריוואטע הויזגעזינדער און איינצלנע וואס ארבעטן פאר דיגיטאלישע אפליקאציעס אדער פלאטפארמעס. דער NY HERO אקט דעקט נישט טעלע-ארבעט אדער סיי וועלכע ארבעטפלאץ וואו דער ארבעטגעבער האט נישט דאס מעגלעכקייט צו קאנטראלירן.

### איז דער NY HERO אקט ספעציפיש פאר קאוויד-19?

ניין. דאס געזעץ האט בדעה צו העלפן גרייטן פאר סיי וועלכע צוקונפטיגע לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט דאס רעכנט אריין סיי וועלכע אינפעקציעס ווירעלע, באקטעריעשע אדער שוואמיגע קראנקהייטן וואס ווערן איבערגעפירט דורך די אעראסאל-טיילעכלעך אדער טראפעלעך און איז דעזיגנירט ביי דער ניו יארק סטעיט קאמיסיאנער פון געזונט אלץ א שטארק-אנשטעקיגע קראנקהייט.

### וואָסער התחייבות האבן ארבעטגעבער  בנוגע זייער שיץ-פלאן?

אלע געדעקטע ביזנעסעס מוזן האבן זייערע פלענער גרייט ביז 30 טעג פון דעם ארויסלאז פון NYS DOL  לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט פאליסיס (אויגוסט 5, 2021). אן אלגעמיינעם מוסטער, אדער מאדעל  לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט  אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן, ווי אויך אינדוסטריע ספעציפישע מוסטערן, זענען געווארן ארויסגעגעבן פון דער דעפארטמענט אוו לעיבאר. ארבעטגעבער קענען נוצן איינע פון די מוסטערן אדער אנטוויקלען זייער אייגענעם פלאן מיטן הילף פון זייערע ארבעטער אדער די קאלעקטיווע פאראהאנדל-אגענטן.

### וואָסער שריט מוזן ארבעטגעבער אננעמען נאך א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט דעזיגנאציע ביי דער ניו יארק סטעיט קאמיסיאנער פון געזונט?

ווען עס איז פאראהאן א דעזיגנאציע אז א שטארק-אנשטעקיגע קראנקהייט פרעזענטירט אן ערנסטע שעדלעכע ריזיקע פאר'ן געזונט פונעם ציבור, מוז יעדער ארבעטגעבער:

- זאפארט איבערקוקן דעם ארבעטספלאצס אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן און אמענדירן דעם פלאן, אויב נייטיג, צו פארזיכערן אז עס איז כולל די נייסטע אינפארמאציע, הדרכה, און אבליגאטארישע פאדערונגען ארויסגעגעבן ביי די פעדעראלע, שטאַטישע אדער לאקאלע רעגירונגען וואס האט א שייכות מיט די אינפעקטירטע אגענט פון דער פראבלעם;
- פארענדיגן און באלד אקטיווירן דעם ארבעטספלאצס אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן;
- צושטעלן אן איבערקוק בעל-פה פון דעם פלאן מיט זייערע ארבעטערס;
- צושטעלן פאר יעדן ארבעטער א קאפיע פונעם אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן אין ענגליש אדער אין דעם הויפט שפראך פון אזעלכע ארבעטער, אויב שייך. דער פלאן מוז אויך ווערן ארויסגעהאנגען אין דעם ארבעטספלאץ און האבן צוגאנג צו אלע ארבעטער אין אלע ארבעטס שיכטן.

### וואס איז אויב עס איז נישטא קיין דעזיגנאציע פון דעם קאמיסיאנער פון געזונט? דארף דער ארבעטגעבער עפעס טון?

יא. אפילו אין פאל אז עס איז נישטא קיין דעזיגנאציע פונעם ניו יארק סטעיט קאמיסיאנער פון געזונט מון די ארבעטגעבער:

- באשטעטיגן א לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן און עס צושטעלן צו די ארבעטער ביז 30 טעג פון באשטעטיגונג.
- כסדר איבערקוקן און אמענדירן זייער פלאן אפצושפיגלען נייע אדער מאדיפיצירטע טיילן פון ביזנעס אפעראציעס אדער זיין אויסגעהאלטן מיט אן אמענדירטע לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט  אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס סטאנדארד לויט ווי עס איז ארויסגעגעבן דורך דער דעפארטמענט אוו לעיבאר.

### דארף א ארבעטגעבער געבן א געשריבענעם לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן צו זיינע ארבעטער?

יא. אן ארבעטגעבער מוז צושטעלן דעם געשריבענעם פלאן צו די ארבעטער:

- ביז 30 טעג פון באשטעטיגונג פונעם פלאן;
- ביז 15 טעג נאכן צוריקעפענען נאכן זיין פארמאכט אויף א צייט צוליבן לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט;
- ווען ער דינגט א נייעם ארבעטער.

### וואס טוט דער אקטס בשותפותדיגע ארבעט-פארוואלטונג ארבעטפלאץ שיץ-קאמיסיע?

דאס געזעץ פאדערט אז ארבעטגעבער מיט 10 אדער מער ארבעטער דארפן באשטעטיגן און אנפירן א בשותפותדיגע ארבעט-פארוואלטונג ארבעטפלאץ שיץ-קאמיסיע צו פארזיכערן אז ארבעטערס שפילן א וויכטיגע ראלע אינעם ארבעטפלאץ שיץ און קענען ארויסרופן שיץ און געזונט אינטערעסן. די פאדערונג וועט גילטן אין נאוועמבער 1, 2021. NYS DOL וועט ארויסגעבן רעגולאציעס וועגן ארבעטפלאץ שיץ-קאמיסיע פאדערונגען אין דער צוקונפט.

### וואָסער דורכפיר מעכאניזמען עקסיסטירט צו אדרעסירן די וואס ברעכן דאס געזעץ?

ארבעטגעבער קענען געשטראפט ווערן $50 א טאג און א קנס וואס קען גרייכן ביז $10,000 פאר פארפעלן צו אויספאלגן די פאדערונגען פונעם פלאן.

### וואס געשעט אויב דער ארבעטגעבער זאגט אפ אדער נעמט אנדערע צוריקשלאג אקציעס קעגן ארבעטער?

דער NY HERO אקט האט שטארקע אנטי-צוריקשלאג פראטעקציעס וואס פארבאט ארבעטגעבער פון נקמה נעמען קעגן ארבעטער פאר אקטיוויטאטן אויסגעהיטן פון דעם אקט. ארבעטגעבער זענען קלאר פארבאטן נקמה צו נעמען פון ארבעטער וואס ניצן אויס זייער רעכט לויטן געזעץ.

זעט נאך ביי: dol.ny.gov/retaliation

### צי דארף אן ארבעטגעבער צושטעלן א געשריבענעם פלאן פאר די ארבעטער אין א שפראך אויסער ענגליש?

יא. אן ארבעטגעבער מוז צושטעלן דעם געשריבענעם פלאן אין דעם ארבעטערס הויפט שפראך. אויב אן ארבעטער רעדט אזא שפראך אויף וואס עס איז נישטא קיין מאדעל סטאנדארד פון דעם קאמיסיאנער, קען דער ארבעטגעבער צושטעלן פארן  ארבעטער מיט אן ענגליש-שפראך מעלדונג.

### דארף דער ארבעטגעבער מסביר זיין דעם פלאן פאר זיינע ארבעטער?

יא. אן איבערבליק פון אויסנווייניג פונעם פלאן מיט אלע ארבעטער מוז ווערן אדורכגעפירט, אויסער די וואס ארבעטן פאר די פערסאנאל ביוראס, קאנטראקטארס, און סובקאנטראקטארס, צושטעלערס פון סחורה און אפפירן מענטשן צו און פון דער ארבעט. אן איבערבליק פון אויסנווייניג פונעם פלאן מיט אלע ארבעטער מוז ווערן אדורכגעפירט, ווען א שטארק אנשטעקיגע קראנקהייט ווערט דעזיגנירט פון דעם קאמיסיאנער פון געזונט וואס פרעזענטירט אלץ א שטארק-שעדלעכע ריזיקע פארן געזונט פונעם ציבור.

### וואס מיינט אן "איבערבליק פון אויסנווייניג"?

ארבעטגעבער מוזן האלטן אן איבערבליק פון אויסנווייניג פונעם אינפעקציע

קראנקהייט  אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן מיט זייערע ארבעטער, אבער דער איבערבליק מוז נישט זיין פערזענלעך. ארבעטגעבער זאלן אנפירן אן איבערבליק פון אויסנוויניג אויף אן אופן וואס פאסט אמבעסטן צו פארמיידן א לופט- געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט, ווי אויך דורך אוידיא אדער ווידיא קאנפערענץ טעכנאלאגיע אויב שייך.

**זענען אלע ארבעטגעבער געפאדערט ארויסצוהענגען דעם פלאן אינעם ארבעטפלאץ?**

יא. דער פלאן מוז ווערן אנגעהאנגען אין אן אנזעעוודיגן און קענטיגן ארט אין יעדן ארבעטסארט, אויסער אז דאס ארבעטארט איז אן אויטא.

**וואס זענען די חילוקים צווישן די פארשידענע אינדוסטריע ספעציפישע מוסטערן?**

די פארשידענע אינדוסטריע ספעציפישע מוסטערן האבן אין זיך באזונדערע "פראגרעס קאנטראלס" אפטייל צוגעשטעלט ספעציעל פאר יעדע אינדוסטריע.

**וואס איז אויב עס איז נישטא קיין מוסטער פאר מיין אינדוסטריע?**

אויב ס'איז נישטא קיין מוסטער וואס איז ספעציעל פאר אייער אינדוסטריע, קענען די ארבעטגעבער אדער אדאפטירן דעם דעפארטמענט או לעיבארס מאדעל לופט- געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט  אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן אדער באשאפן זייער אייגענעם אלטערנאטיוון פלאן. אן אלטערנאטיוון פלאן מוז שטימען מיט אדער אריבערשטייגן די מינימום סטאנדארדס  צוגעשטעלט ביי דער דעפארטמענט או לעיבארס מאדעל לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן. די ארבעטגעבער קענען נוצן די "פראגרעס קאנטראלס" אפטייל צו צולייגן קאנטראלס וואס זענען פאסיג צו זייער אינדוסטריע אדער ביזנעס.

**זענען ארבעטער איבערקוק און אפרוף שטענדיג געפאדערט אין דער אנטוויקלונג פון דעם ארבעטגעבערס פלאן?**

בעת דער דעפארטמענט או לעיבאר מוטיגט אלע ארבעטגעבער אריינצוציען זייערע ארבעטסלייט זיך באטייליגן אין אדאפטירן א פלאן, אן ארבעטגעבער וואס באניצט זיך מיט איינע פון די פלענער אדער מוסטערן ארויסגעגבן ביי דעם קאמיסיאנער פון לעיבאר ווערט נישט געפאדערט פון די ארבעטגעבער צו לאזן די ארבעטער איבערקוקן דעם פלאן און געבן אפרוף איידער די אדאפטירונג. לויט ווי עס פאדערט זיך אין אפטייל 2 פון דעם HERO אקט, וואס הייבט אן גילטן אין נאוועמבער 1, 2021, ארבעטגעבער וואס האבן כאטש 10 ארבעטער מוזן באשטעטיגן אן ארבעטפלאץ שיך-קאמיסיע וואס איז אויטאריזירט, צווישן אנדערע זאכן, איבער צו קוקן די ארבעטפלאץ פאליסיס וואס האט צו טון מיט פאך זיכערקייט און געזונט.

**אויב דער ארבעטגעבער מאכט ענדערונגען צום פלאן, הייסט דאס אן 'אלטערנאטיווער פלאן' וואס וועט דארפן ארבעטער איבערקוק און/אדער השתתפות?**

מאדיפיקאציעס ביי דעם ארבעטגעבער אין די קאנטראלס אדער פראגרעס קאנטראלס אפטייל פון דער דעפארטמענט או לעיבארס אלגעמיינעם אינדוסטריע מוסטער הייסט נאך נישט קיין "אלטערנאטיווער פלאן" פארן צוועק פון דעם HERO אקט און מן הסתם פאדערט נישט נאך ארבעטער השתתפות. פונדעסטוועגן, אמענדירונגען צו אזעלכע מוסטערן וואס גייען אויסער די אפענע פעלדער פון אזא מוסטער קען יא הייסן אן "אלטערנאטיווער פלאן" וואס וועט פאדערן ארבעטערס איבערקוק און/אדער השתתפות.

**וועלן מער אינדוסטריע ספעציפישע מוסטערן ווערן געדרוקט?**

בעת, ס'איז יעצט נישטא קיין פלענער צו דרוקן מער ספעציפישע פלענער, טוט דער דעפארטמענט או לעיבאר אננעמען רעקאמענדאציעס פארן צוקונפט, און וועט נעמען אין באטראכט נאך מוסטערן ווי אויך אמענדירונגען פאר יעצטיגע מוסטערן ווען זיי וועלן באקומען אפרוף.

**איז די העלטקעיר אינדוסטריע געדעקט ביי דעם HERO אקט?**

עס קען זיין. ארבעטער אין דער העלטקעיר אינדוסטריע זענען **נישט** געדעקט ביי דעם HERO אקט אויב דער ארבעטגעבער איז געדעקט ביי א צייטווייליגע אדער פערמענאנטע סטאנדארד אדאפטירט סיי דעם פאך פארזיכערונג און געזונט אדמיניסטראציע (OSHA). פונדעסטוועגן, יעדער ארבעטגעבער מוז מאכן זיין אייגענע החלטה צי ער איז צי נישט, אדער זיינע ארבעטער, זענען געדעקט דורך א צייטווייליגע אדער פערמענאנטע OSHA סטאנדארד. אין פאל אז א צייטווייליגע OSHA סטאנדארד גילט נישט מער, וועט דער ארבעטגעבער וואס איז פריער געווען געדעקט ביי אן OSHA סטאנדארד,  יעצט ווערן געדעקט ביי דעם HERO אקט.

**טוט דער HERO אקט גילטן פאר פובליק אוניווערסיטעטן און שולעס?**

ניין. דער HERO אקט גילט נישט פאר רעגירונג ענטיטעטן אזוי ווי פובליק שולעס אדער אניווערסיטעטן. פובליק ארבעטער, אבער, זענען געווענדן צו די פאדערונגען פון אפטייל 27-c פונעם לעיבאר געזעץ, וואס פארלאנגט דאס צוגרייטן פון פובליק ארבעטגעבער פאר סטעיט אומגליק עמערדזשענסיס וואס האט צו טון מיט פובליק געזונט.

**איז ארבעטגעבער-צוגעשטעלטע הייזער און טראנספארט געדעקט אונטערן HERO אקט?**

אן "ארבעטפלאץ" אונטערן אקט מיינט סיי וועלכע פיזישע ארט וואס איז דעזיגנירט געווארן די לאקאציע וואו מ'ארבעט און אויף וועלכער אן ארבעטגעבער האט די יכולת צו קאנטראלירן.  דאס רעכנט אריין בדרך כלל דער אייגנטימער-צוגעשטעלטע הייזער און טראנספארט.

**אויב דער ארבעטגעבער געפונט זיך אינדערויסן פון ניו יארק אבער האט ארבעטער וואס געפונען זיך אין ניו יארק, זענען די ניו יארק ארבעטער געדעקט ביי דעם HERO אקט?**

יא, אויסער אז דער ארבעטער אין ניו יארק סטעיט טוט טעלעקאמוניקירן אדער טעלעארבעטער פון אן ארט וואו דער ארבעטגעבער האט נישט די יכולת צו קאנטראלירן (למשל, דער ארבעטערס וואוינארט).

**וועט דער דעפארטמענט או לעיבאר ארויסגעבן HERO אקט רעגולאציעס?**

יא, דער דעפארטמענט או לעיבאר וועט פארשפרייטן רעגולאציעס פארן HERO אקט בהסכם מיטן סטעיט אדמיניסטראטיוו פראצידור אקט.

**זענען זעלבשטענדיגע קאנטראקטארס געדעקט?**

ארבעטגעבער זענען געפאדערט צו האבן א לופט- געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט פלאן פאר אלע ארבעטפלעצער וואס זיי קאנטראלירן, ווי אויך אן ארבעטפלאץ מיט זעלבשטענדיגע קאנטראקטארס.

**דארף דער געשריבענער פלאן ווערן ארויסגעטיילט פאר זעלבשטענדיגע קאנטראקטארס, איינצלנע וואס ארבעטן פאר פערסאנאל ביוראס, און אנדערע אלגעמיינע דעפינירטע "ארבעטער" לויטן HERO אקט וואס ווערן נישט בדרך כלל דעפינירט אלץ ארבעטער?**

יא.

**איז פארהאן DOL הדרכה צו העלפן באשטעטיגן וועלכע אינדוסטריע ספעציפישע פלאן אן ארבעטגעבער דארף זיך באניצן?**

נישט אין דער מאמענט. ארבעטגעבער זאלן אננעמען א פלאן וואס איז

אמבעסטן ענליך צו זייער אינדוסטריע און ארבעטפלאץ אדער נוצן דעם לופט- געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן.

**זענען ארבעטגעבער מחוייב צו צולייגן דעם פלאן צו זייער ארבעטער האנטבוך, אויב זיי האבן איינס?**

יא.

**אויב אן ארבעטגעבער האט עטלעכע אינדוסטריעס און סביבות, וועלכע מוסטער זאל ער נוצן?**

ארבעטגעבער זאל אויסקלייבן דעם פאסיגסטן מוסטער און צופאסן די קאנטראלס אפטייל צו צולייגן די פאסיגע קאנטראלס פאר דער אינדוסטריע אדער ארבעטפלאץ (פלעצער) דורך שאצן ספעציפישע ארבעטער אדער קאנטראקטער פונקציעס און ספעציעלע אומשטענדן און מצבים פון געוויסע ארבעטפלעצער צו באשטימען די פאסיגע מוסטערן צו נוצן. דער ארבעטגעבער קען אויך באשטימען מער ווי איין פלאן פאר עטלעכע ארבעטפלעצער.

**וועלכע מוסטער איז צום מערסטנס פאסיג פאר אן אפיס סביבה?**

דער מאדעל לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט אויסגעשטעלטקייט פארמיידונגס פלאן פאסט אמבעסטן פאר אן אפיס סביבה, אבער מ'דארף אין אכט נעמען צו פארזיכערן אז די קאנטראל און אנדערע חלקים פונעם פלאן אדרעסירן די זעלטענע אומשטאנדן און באדינגונגען פון געוויסע ארבעטפלעצער.

**ווען דארף דעם ארבעטגעבערס לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט פלאן ווערן גילטיג?**

ארבעטגעבער מוזן אויספאלגן זייער לופט-געשוועבטע אינפעקציע קראנקהייט פלאן ווען א שטארק אנשטעקיגע קראנקהייט ווערט דעזיגנירט דורכן קאמיסיאנער פון געזונט אז עס פרעזענטירט אן ערענסטע שעדלעכע ריזיקע פארן געזונט פון ציבור, אזוי ווי ס'איז יעצט דער פאל פון קאוויד-19. ארבעטגעבערס זאלן קאנטראלירן דעם דעפארטמענט אוו לעיבארס HERO'ס אקט וועבזייטל אין **dol.ny.gov/ny-hero-act** פאר אמענדירונגען.

**אויב אן ארבעטגעבער נוצט וויקלט אן אלטערנאטיווע פלאן פאר זייער ארבעטפלאץ, דארף עס ווערן באשטעטיגט ביי דער דעפארטמענט אוו לעיבאר איידער עס ווערט אדאפטירט?**

ניין. פונדעסטוועגן, דארפן ארבעטגעבער פארזיכערן אז זייער אלטערנאטיווער פלאן איז גלייך צו אדער בעסער ווי דער מינימום סטאנדארד צוגעשטעלט ביי דער מאדעל סטאנדארד.

**טוט דער NY HERO אקט גילטן אויף פאביזנעס אָן ארבעטער אויסער דער בעל-הבית?**

ניין. דער אייגנטימער אין אזא פאל קוואליפיצירט נישט אלץ "ארבעטגעבער" לויטן HERO אקט און וועט נישט דארפן צוזאמענשטעלן א פלאן פאר זיין ארבעטפלאץ.

**פאר מער אינפארמאציע, פאררופט זיך אויף די NY HERO אקט סטאנדארדן.**